# אַ וויכטיגע שולע פאַר אידישע צוריקגעשטאַנענע קינדער

**די „פּעשא סאָלאָווייטשיק דעי סקול" אין ברוקלין. — וואָס און ווי אַזוי די קינדער לערנען דאָרטען.—די פאַך־שולע פאַר צוריקגעשטאַנענע קינדער. — אַ באַזוך אין דער שולע.**

פון

## הרב אהרן בן־ציון שורין

מיט דעם אָנפאַנג פון דעם איצטיגען לערן־יאָר האָט זיך אין ברוקלין געעפענט אַ נייע „דעי סקול" פאַר אידישע קינדערלעך. די סקול געפינט זיך אויף 3044 קוני איילענד עוועניו (קאָרנער נעפּטשון עוועניו), און טראָגט דעם נאָמען „פּעשא סאָלאָווייטשיק דעי סקול" — אין אָנדענק פון דער באַרימטער רביצין סאָלאָווייטשיק, די פרוי פון הגאון רבי משה סאָלאָווייטשיק, נ"ע.

מיט'ן נאָמען „דעי סקול" ווערען געוועהנליך באַצייכענט די אַמעריקאַנער „ישיבות קטנות", וואו אידישע קינדער, ישיבה בחורים, לערנען דעם ערשטען האַלבען טאָג לימודי קודש, ווי חומש, נביא און גמרא; און דעם צווייטען האַלבען טאָג — אַ פולע פּראָגראַם פון פּאַבליק סקול.

די דאָזיגע נייע, אָבער זעלטענע „פּעשא סאָלאָווייטשיק דעי סקול" וועט אויך זיין אַ סאָרט ישיבה קטנה, נאָר מיט'ן טראָפּ געשטעלט צו העלפען ס פּ ע צ י ע ל ע אי־דישע קינדער, צו לערנען אי אידישקייט און אי ענגלישע לימודים — אָט די קינדער, וועלכע קאָנען זיך ניט אַריינפּאַסען אין דער אַלגעמיינער לערן־פּראָגראַם פון אַ רעגולערער סקול — צי ישיבה צי פּאַבליק סקול.

אויך אָט די גייסטיג־צוריקגעשטאַנענע קינדער, וואָס מאַנכע פון זיי זיינען אויך „הענדיקעפּד", דאַרפען האָבען אַ סקול!... זיי דאַרף מען ערשט העלפען. און מיר דוכט, אַז ס'איז גאָרניט פאַראַן קיין גרעסערע מצווה אויף דער וועלט ווי העלפען אַזעלכע קינדער.

אין דער ברייטער אַמעריקאַנער עפענטליכקייט, ווי אויך צווישען אידען, רעדט מען ניט זעלטען מיט שטאָלץ וועגען די גראַטענע קינדער; וועגען די קינדער, וואָס קריגען די „סקאַלערשיפּס", און וואָס געווינען אַלערליי אויסצייכענונגען. און אָט דער „רעדען מיט שטאָלץ" וועגען אַזעלכע גראָטענע קינדער איז אַ גאַנץ נאַטירליכע זאַך. דער „צער גידול בנים" איז גאַנץ גרויס אויך אין אַמעריקע. און דעריבער מעגען טאַטע־מאַמע שעפּען אַביסל נחת פון זייער גראָטען קינד.

אין אַלגעמיין קאָן מען זאָגען, אַז אין אַמעריקע פאַרנעמט די ערציהונג פון קינד אַ גאָר וויכטיגען פּלאַץ. ביי אידען אוודאי. און וואָס פעהיגער דאָס קינד איז, אַלץ אַ בעסערע ערציהונג זוכט מען פאַר אים. און דערפאַר האַלט מען כסדר אין שאַפען ספּעציעלע סקולס און קלאַסען פאַר דעם אויסגעצייכענטען סטודענט.

פאַר דעם גראָטענעם, אויסגעצייכענטען תלמיד זיינען אין אַמעריקע אָפען אַלע טירען און טויערן.

ניט אַלע ווייסען אָבער, אַז אין דער ברייטער אַמעריקע, און אויך צווישען אידען, זיינען פאַראַן קינדער, וועלכע מען קאָן ליידער באַצייכענען ווי „פאַרגעסענע". וואָרום, וועגע זיי רעדט מען ניט צופיל. און מען קאָן אויך זאָגען, אַז מען זאָרגט זיך ניט צופיל. נאָר דער וואָס האָט דאָס „פּעקל צרות" טראָגט עס שטיל און קוועטשט

לער אַ פאַך צוגלייך מיט אַביסעל אידישקייט.

אין די קלאַסען וואָס איך האָב באַזוכט, לערנען אינגעלעך מיט מיידעלעך. די אינגעלעך טראָגען אַלע יאַרמולקעס. מען לערענט זיי ווי אַזוי צו מאַכען אַ ברכה, זאָגען דעם פּסוק „שמע ישראל", מודה אני, א. אַז. וו. די עלטער פון די קינדער איז פון 6 ביז 15 יאָר. פאַר די קינדער פון בר־מצווה עלטער וועט זיין ספּעציעלע בר־מצווה קלאַסען. מען וועט זיי אויך לערנען „לייגען תפילין". עס פאַרשטעהט זיך, אַז מען לערענט זיי אויך ענגליש. די דאָזיגע קינדער נויטיגען זיך גאָר שטאַרק אין „ספּיטש טעראַפּי" און „פיזיקעל טעראַפּי". און אויף דעם געביט זיינען פאַראַן פּסיכאָלאָגען און לערער ספּעציאַליסטען.

ווי הרב בלאַק האָט מיר דערצעהלט, האָט ער זיין פריער־דערמאָנטע „היברו סקול" אָנגעפאַנגען אין יאָר 1962 מיט 6 קינדער. היינט האָט די סקול, אין אַלע אירע אָפּטיילונגען, איבער צוויי הונדערט קינדער.

דער חשוב'ער דירעקטאָר האָט גערעדט מיט אַ סך עניוות'דיגען שטאָלץ וועגען די דערגרייכונגען פון דער סקול, כאָטש זי איז נאָך פאַרהעלטניסמעסיג זעהר יונג. ער האָט מיר איבערגעגעבען, אַז אַ סך צוריקגעשטאַנענע גרעסערע בחורים און מיידלעך האָבען זיך אין דער פאַך־שולע אויסגעלערענט ווי צו אַרבעטען. אַ דאַנק דער „אָקיופּעישאָנעל טעראַפּי" האָבען שוין אַ טייל פון די תלמידים געקראָגען אַפילו „דזשאַבס" צו אַרבעטען. זיי אַרבעטען, נאַטירליך, לאַנגזאַם, אָבער צופרידענשטעלענד. דער עיקר לערענט מען זיי, על־פּי־רוב, „אַסעמבלי וואָירק", ווי צוזאַמענצולייגען זאַכען, פּאַקען, סאָרטירען, און מאַנכע פון זיי, פון דער פאַך־שול, פאַרדינען שוין געלט פון אַרבעטען ביי „מעיל אָרדערס" און ביי פּאַקען בריף פאַר גרויסע געשעפטען.

הרב בלאַק האָט באַטאָנט, אַז אין דער פאַך־שול גיט מען זיך באַזונדערס אָפּ מיט די דאָזיגע קינדער צו לערנען זיי קאָנצענטרירען זיך אויף אַ לענגערער צייט. מען לערענט זיי אויך „אחריות". פאַר־

טראָגט עס שטיל און קוועטשט דעם וועהטאָג אין זיך.

און דערפאַר ווען עס געפינען זיך אידעאַליסטען, און עפענען אַ סקול פאַר אַזעלכע אומבאַהאָלפענע אידישע קינדער, צו מאַכען עטוואָס לייכטער זייער לעבען, פאַרדינען זיי די גרעסטע אַנערקענונג פון דער ברייטער געזעלשאַפט.

מיט עטליכע טעג צוריק האָב איך באַזוכט די „פעשא סאַלאָווייטשיק דעי סקול", אין דער באַגלייטונג פון דעם גרינדער און דירעקטאָר, הרב משה יוסף בלאַק. די סקול איז געווען נאָר־וואָס געעפענט, און ניט אַלע קלאַס־צימערן פון דעם צוויי־שטאָקיגען ישיבה־בנין זיינען שוין געווען פול רעמאָנטירט. דער דירעקטאָר האָט מיט אַ שמייכעל זיך ענטשולדיגט פאַר מיר וואָס ניט איבעראַל איז שוין פאַרטיג. איר ווייסט דאָך, האָט ער באַמערקט, ס'איז ערשט עטליכע טעג ווי מיר האָבן געעפענט די סקול. נאָר פונדעסטוועגען, האָט ער מיט צופרידענקייט באַטאָנט, האָבען מיר שוין באַוויזען אָנצוהויבען צו לערנען מיט פינף קלאַסען אין „פולען שוואונג". און אַלע ווילע האָט הרב בלאַק באַמערקט:

„זיי זיינען טייערע אידישע קינדערלעך, נאָר זיי דאַרפען, נעבעך, האָבען מער הילף ווי אַ געוועהנליך אידיש קינד, און דאָס איז וואָס מיר באַמיהען זיך דאָ צו טאָן. מיר ווילען העלפען יעדען קינד לויט זיינע מעגליכקייטען".

עס פאַרשטעהט זיך, אַז אין אַזאַ סקול קאָן מען ניט האָבען קיין גרויסע קלאַסען. וואָרים יעדעס קינד פאָדערט אַ סך צייט און געדולד. און דערפאַר האַלט מען דאָ אַ קלאַס פאַר יעדע זיבען קינדער, און יעדער קלאַס האָט צוויי לערער: אַ לערער מיט אַ געהילף. דער הויפּט־לערער איז אַ ספּעציאַליסט אין זיין פאַך אויף דעם געביט פון לערנען צוריקגעשטאַנענע קינדער.

הרב בלאַק האָט מיר דערצעהלט, אַז כאָטש די „פעשא סאַלאָווייטשיק דעי סקול" איז אַ נייע, איז זי אָבער אַרויסגעוואַקסען פון זיין פריערדיגער „ברוקלין היברו סקול פאַר ספּעשעל טשילדרען". און דערפאַר קומט ער צו דער איצטיגער נייער „דעי סקול" מיט אַ סך ערפאַרונג און פאַרשטענדעניש אויף דעם געביט.

די דאָזיגע „ברוקלין היברו סקול פאַר ספּעשעל טשילדרען", וואָס האָט איר היים אין דער 13טער עוועניו אין ברוקלין, האָט אויך דאָרט אַ „תורה ומלאכה סקול", וואו מען לערענט די צוריקגעשטאַנענע קינדער אַ פאַך. אין דער „פאַך שול" געפינען זיך ניט דווקא קליינע קינדער; דאָרטען לערענט מען אויך שוין גרעסערע בחורים און מייד־

רענט זיי אויך „אחריות", פאַראַנטוואָרטליכקייט, סיי פאַר זיך אַליין און סיי פאַר יענעם.

ס'איז אַן אידעאַלע אויפגאַבע, באַמערקט הרב בלאַק, און דאָס איז וואָס די לערער טוען דאָ.

אין די פאַרשיידענע סקולס זיינען זיינען אויך פאַראַן קינדער, וועלכע מען מוז פירן אויף „וויהל טשערס". און אָט אַזוי לערענט מען זיי און מען העלפט זיי זיך צו ענטוויקלען סיי פיזיש און סיי גייסטיג. און די איצטיגע נייע „פעשא סאַלאָווייטשיק דעי סקול" איז נאָך אַ וויכטיג רינגעלע אין דער קייט פון מעשים טובים פון דער „היברו סקול" פון ברוקלין.

אין זיין שמועס וועגען דער נייער סקול האָט הרב בלאַק גאָר באַזונדערס זיך אָפּגעשטעלט וועגען דער שעהנער פערזענליכקייט פון דער רביצין פעשא סאַלאָווייטשיק, אין וועמענס אָנדענק די סקול איז געשאַפען געוואָרען. די רבנית סאַלאָווייטשיק, וועלכע האָט איר גאַנץ לעבען געווידמעט צו חסד און מעשים טובים בכלל, האָט זי אָבער גאָר באַזונדערס אַרויסגעוויזען אַ גרויסען אינטערעס צו דעם קראַנקען און פאַרגעסענעם אידישען קינד. אָט טאַקע אַזעלכע קינדער, פאַר וועמען די איצטיגע „דעי סקול" איז געשאַפען געוואָרען.

די רביצין פעשא סאַלאָווייטשיק שטאַמט, ווי באַקאַנט, פון גרויסען רבנ'ישען יחוס. זי איז די טאָכטער פון דעם פרוזינער רב, רבי אליהו פיינשטיין, און די שנור פון רבי חיים סאַלאָווייטשיק, בריסקער רב. אירע זיהן, רבי יוסף בער סאָלאָווייטשיק, און רבי אַהרן וסאַלאָווייטשיק, זיינען באַרימטע רבנים און ראשי־ישיבה אין אַמעריקע. און הרב בלאַק האָט מיט צופרידענהייט באַטאָנט, אַז די פּייערשאַפט פון דער סקול איז גאָר באַזונדערס שטאָלץ מיט דעם נאָמען די „פעשאַ סאָלאָווייטשיק דעי סקול".

הרב בלאַק האָט גערעדט וועגען דער וויכטיגקייט פון דער סקול פאַר דער ערציהונג פון די דאָזיגע צוריקגעשטאַנענע עלענדע קינדער. אויך ז י י, האָט ער באַטאָנט, טאָרען, חלילה, ניט פאַרשעמט ווערן. אויך אָט די קינדער, וועלכע קומען פון אידישע היימען, מוזען קאָנען ווערען בר־מצווה, פונקט ווי אַלע אַנדערע קינדער.

יאָ, ווער קאָן פאַרשטעהן וויפיל ס'איז ווערט דער צופרידענער שמייכעל פון אַזאַ פאַרגעסען אידיש קינד, און ווער קאָן עס גאָר אַפילו אָפּשאַצען?

ס'איז קיין ספק ניט, אַז די דאָזיגע סקול פאַרדינט די שטיצע פון דער ברייטער אידישער אַמעריקע.